12 און וואָס שייך דעם ברודער אַפּאָלאָס, האָב איך
אים זער פיל געבעטן צו קומען צו אייך מיט די
ברידער; און ער האָט בכלל איצט נישט געוואָלט
קומען; נאָר ער וועט קומען, ווען ער וועט האָבן אַ
געלעגנהייטלעכע צייט.
13 וואַכט, שטייט פעסט אין דער אמונה, זייט מענער,
14 שטאַרקט זיך. זאָלן אַלע אייערע (מעשים) געטון
ווערן מיט ליבע.
15 און איך בעט אייך, ברידער, איר קענט (דאָך)
סטעפאַנאַסן׳ס הויז, אַז עס איז געווען די ערשטע
פרוכט פון אַכאַיאַ, און זיי האָבן זיך געווידר־
16 מעט צו דער עבודה לטובת די קדושים, אַז
איר אויך זאָלט זיך אונטערטעניקן צו אַזעלכע,
און צו יעדן, וואָס אַרבעט מיט און באַמיט זיך.
17 און איך פריי מיך אויף דעם אָנקומען פון סטע־
פאַנאַסן און פאָרטונאַטוסן און אַכאַיקוסן, ווייל וואָס
עס פעלט מיר פון אייער צד, האָבן זיי ממלא געווען.
18 וואָרום זיי האָבן דערפרישט מיין גייסט און אייערן;
דעריבער זאָלט איר אָפּגעבן אָנערקענונג צו אַזעלכע.
19 די קהלות פון (קליין) אַזיען געבן אייך אָפּ שלום.
זער פיל אין דעם האַר געבן אייך אָפּ שלום אייך
אַקווילאַ און פּריסקאַ, צוזאַמען מיט דער קהלה
אין זייער הויז. אַלע ברידער געבן אייך אָפּ שלום.
20 גיט אָפּ שלום איינער דעם אַנדערן מיט דעם
21 הייליקן קוש. דער גרוס פון מיר, פּאַולוס, מיט מיין
22 אייגענער האַנט. אויב עמיצער האָט נישט ליב
23 דעם האַר, זאָל ער זיין אין חרם. מרן אתא.* זאָל
24 דער חסד פון דעם האַר ישוע זיין מיט אייך. מיין
ליבע איז מיט אייך אַלעמען אינם משיח ישוע. אמן.

* אונדזער האַר איז געקומען אָדער: מרנא תא—קום האַר!